Subject Line: COVID-19 אַפּדעיטס בנוגע פּראָפּערטי מענעדזשמענט אָפֿיסעס

טייערע NYCHA איינוואוינער,

ניו יאָרק סיטי האַוזינג אויטאָריטעט (New York City Housing Authority, NYCHA) ארבעט צוזאמען מיט דעם ניו יאָרק סיטי דעפּאַרטמענט פֿון געזונטהייט און גייסטישע היגיענע (NYC Department of Health and Mental Hygiene, DOHMH) צו באַאָבאַכטן דעם קאָראָנאַ ווירוס (COVID-19). באַזירט אויף זייערע אָנווייזונגען, ווילן מיר אייך לאָזן וויסן פֿון נייע מאַסנאַמען וואָס די אויטאָריטעט נעמט אונטער כדי צו פּריאָריטיזירן די געזונטהייט און זיכערהייט פֿון אונזערע איינוואוינער און אָנגעשטעלטע און צו העלפֿן אפּשטעלן די פֿארשפרייטונג פֿון COVID-19.

מיר ארבעטן פלייסיג צו פֿארזיכערן אָנגייענדע גרונטליכע און עמערדזשענסי סערוויסעס ביי אַלע אונזערע דעוועלאָפּמענטס.

אנגעהויבן פֿון דינסטאָג, מערץ 17, וועלן NYCHA'ס פּראָפּערטי מענעדזשמענט אָפֿיסעס זיין אָפֿן, אָבער דירעקטע־קאָנטאַקט באַגעגענישן מיט איינוואוינער וועלן אָפּגעשטעלט ווערן כדי צו פארמערן סאָשעל דיסטאַנסינג לויט DOHMH אָנווייזונגען.  פּראָפּערטי אָפֿיס אָנגעשטעלטע וועלן פֿאָרזעצן צו העלפֿן איינוואוינער איבער'ן טעלעפֿאָן, דורך אימעיל און דורך באַשטימטע אַפּוינטמענטס צו רעדן מיט אָנגעשטעלטע פון הונטער דעם אויפנאם טישל.  ביטע שפאצירט נישט אַריין אין אייער פּראָפּערטי מענעדזשמענט אָפֿיס אָן קיין אַפּוינטמענט אויסער ווען עס איז אַבסאָלוט נויטיג.  מיר וועלן ווידער אפשאצן די פּאָליסי אין 30 טעג.

**פּראָפּערטי מענעדזשמענט אָפֿיסעס וועלן זיין עוועילעבל פֿאַר סערוויסעס אַזוי ווי:**

- **אָננעמען דאָקומענטן אינעם אָפֿיס אָדער דורך אימעיל; <u>רופֿט צו באַשטימען אַן אַפּוינטמענט</u>.**
- **דורכרעדן געהיימע אינפֿאָרמאַציע איבער'ן טעלעפֿאָן אָדער אינעם אָפֿיס; <u>רופֿט צו באַשטימען אַן אפּוינטמענט</u>.**
- **אָננעמען נאָטיסעס פֿון אינטענט זיך ארויסצוציען און צוריקגעבן שליסלען, אָדער פֿאַרלאַנגען פֿאַר סילינדער/מעילבאָקס ענדערונגען אָדער קאָפּיעס פֿון שליסלען; <u>רופֿט צו באַשטימען אַן אַפּוינטמענט עס ארײנצוברענגען אָדער אָפּנעמען</u>.**
- **אָננעמען ענטפֿערס אויף די יערליכע פֿענסטער שוץ מעלדונג (Annual Window Guard Notice) און קינד אונטער 6 אויספֿרעג (Child Under 6 Survey) דורכ'ן טעלעפֿאָן אָדער אימעיל.**

מיר בעטן אייער קאָאָפּעראַציע במשך געענדערטע סערוויסעס און אויב עס איז דאָ ווייניגער אָנגעשטעלטע אין אייערע דעוועלאָפּמענטס.
NYCHA אָנגעשטעלטע וועלן פֿאָרזעצן דורכצופֿירן **עמערדזשענסי** מעינטענענס און פֿאַרריכטונגען אין דעוועלאָפּמענטס און אין דירות.

עמערדזשענסיס ווערן אפגעטייטשט אלס:

- וואַסער ליעקס
- גאַז ליעקס
- לאָקאַלע פּאוער פּראָבלעמען
- פֿאַרשטאָפּונגען
- סכנה'דיגע אומשטאַנדן (צ.ב.ש. עלעקטרישע פּראָבלעמען אָדער פֿייער ריזיקעס)

אינספּעקציעס און פּלאַנירטע מעינטענענס פֿאַרלאַנגען ווערן אָבער צייטווייליג אָפּגעהאַלטן; די אַפּוינטמענטס וועלן געטוישט ווערן.  אין צוגאָב ווערן אַלע פּלאַנירטע הייצונג, הייס וואַסער און וואַסער אויסלעשן אָפּגעהאַלטן ביז א ווייטערדיגע מעלדן.  איינוואוינער זאָלן נוצן [MyNYCHA](https://www.nyc.gov/site/nycha/residents/mynycha.page) צו טוישן אַרבעט באַשטעלונגען און איינגעבן עמערדזשענסי פֿאַרריכטונגען פֿאַרלאַנגען.

ביטע נעמט אין אַכט אַז אויב איר דאַרפֿט יאָ **עמערדזשענסי** מעינטענענס, וועלן NYCHA אָנגעשטעלטע נעמען די פֿאָלגענדע באַווארענונג מאַסנאַמען איידער זיי גייען אַריין אין דירות:

**NYCHA אָנגעשטעלטע וועלן פֿרעגן אויב** עמיצער אין שטוב האָט אַ פֿיבער, הוסט, שוועריגקייט צו אָטעמען אָדער איז דיאַגנאָזירט געוואָרן מיט COVID-19. אויב סיי וועלכער אײַנוואוינער ענטפֿערט "יאָ" אויף די פֿראַגע, וועט מען אים/זי בעטן זיי זאָלן:

1. בלײַבן אין אַ באַזונדערן צימער (וואו מעגליך) מיט אַ פֿאַרמאַכטע טיר ביז די עמערדזשענסי פֿאַרריכטונגען זענען פֿאַרטיג; אָדער
2. אָנהאַלטן אַ דיסטאַנץ פֿון כאָטש זעקס פֿיס פֿון אָנגעשטעלטע ביז די עמערדזשענסי פֿאַרריכטונגען זענען פֿאַרטיג, אויב אַ באַזונדערע צימער איז נישט פֿאַראַן.

אויב איר באַשליסט נישט צו ענטפֿערן אויף די פֿראַגעס און/אָדער באַשליסט נישט צו פֿאָלגן די אויבנדערמאָנטע אינסטרוקציעס, וועט NYCHA טוישן דעם אַפּוינטמענט.

איר זאָלט אויך וויסן אַז NYCHA אָנגעשטעלטע וואָס באַזוכן אייער דירה דורכצופֿירן פֿאַרריכטונגען קענען אויסוועלן צו טראָגן מאַסקעס אָדער הענטשקעס בשעת זיי אַרבעטן אין אייער דירה.  זיי מעגן אויך בעטן אַז מען זאָל עפֿענען פֿענסטער אין אייער דירה צו פֿאַרמערן ווענטילאַציע במשך די פֿאַרריכטונגען.

צום שלוס, כדי צו פֿאַרמיידן די פֿאַרשפּרייטונג פֿון קאָראָנאַ ווירוס (COVID-19) און צו האַלטן ניו יאָרקער געזונט און פארזיכערט, האָט NYCHA געדינגען אַ קאָנטראַקטאָר צו רייניגן סיניאָר געביידעס.

זינט שבת, מערץ 15, זענען אַלע 71 סעניאָר געביידעס גערייניגט געוואָרן מיטן ערשטן שריט פֿון די אינטענסיווע רייניג פּראָצעדור וואָס באַשטייט פֿון צוויי שריט.

נישט־סיניאָר וואוינונגען ווערן גערייניגט טעגליך, און אפטער, דורך א קאמבינאציע פון סיי אונזערע אייגענע אָנגעשטעלטע און קעריטעיקערס און אויך קלינינג סערוויס פֿירמעס.  דאָס ווערט געטאָן דורכאויס אונזערע דעוועלאָפּמענטס, אַריינגערעכנט פּראָפּערטי מענעדזשמענט אָפּיסעס, לאָביס, און געמיינזאַמע ערטער.  אונזערע בערך 3,200 קעירטעיקערס זענען אויך פֿאַראַנטוואָרטליך פֿאַר מעינטענענס פֿון די טעריטאָריע, קערן פּאָדלאָגעס, איבערקוקן דעבער און באַזייטיגן שמוץ.

מיר זענען פֿאָר צו פֿאַרעפֿנטליכן COVID-19 אינפֿאָרמאַציע דורך אַ דירעקטע פֿאַרבינדונג מיט איינוואוינער, אַזוויווי ראָבאָקאָלס, אימעילס, פּאָסטערס אין פֿאַרשידענע שפּראַכן, MyNYCHA, טעגליכע סאָשעל מידיאַ פּאָסטס און פּאָסטס אויף וועבסייטס פֿאַר איינוואוינער, אָנגעשטעלטע און דער פובליק.

מיר בעטן איינוואוינער זיי זאָלן נוצן אונזערע אויטאָמאַטישע און אָנליין סיסטעמען, אַריינגערעכנט [MyNYCHA](https://www.nyc.gov/site/nycha/residents/mynycha.page), דעם זעלבסט סערוויס פּארטאל ([Self-Service Portal](https://selfserve.nycha.info/)) און קיאָסקן, כדי דורכצופֿירן זייערע טראַנסאַקציעס.  איינוואוינער קענען אויך רופֿן דעם קאַסטומער קאָנטאַקט צענטער (Customer Contact Center, CCC) אויף 718-707-7771 צו באַריכטן עמערדזשענסיס און באַשטימען מעינטענענס פֿאַרריכטונגען אין זייערע דירות און דעוועלאָפּמענטס. טרעינירטע פֿאַרטרעטערס שטייען גרייט 24 שעה אַ טאָג, 7 טעג אַ וואָך צו באַהאַנדלען עמערדזשענסיס און צו באַשטימען רוטין מעינטענענס פֿאַרריכטונגען פֿאַר מאָנטאָג ביז פֿרייטאָג, פֿון 6 אינדערפֿרי ביז 12 בײַנאַכט.

עס זענען פֿאַראַן 8 אופֿנים צו באַצאָלן דירה געלט, אַריינגערעכנט דורך די מעיל, MyNYCHA, אָנליין און אויפֿ'ן טעלעפֿאָן. באַזוכט [on.nyc.gov/payrent](https://on.nyc.gov/payrent) צו לערנען מער וויאַזוי צו באַצאָלן דירה געלט. לויט NYCHA'ס עקזיסטירנדע רענט

הארדשיפ פּאָליסי מוטיגן מיר הויזגעזינדן וואָס לייַדן פֿון אַ פֿאַרלוסט פֿון אינקאם צו פֿאַרלאַנגען אַן אינטערים רעסערטיפֿיקאַציע (Interim Recertification) פֿאַר סיי וועלכע רעדוקציע פֿון אינקאם וואָס וועט דויערן מער ווי צוויי חדשים. ביטע גייט צום NYCHA Self-Service Portal אָדער רופֿט אייער פּראָפּערטי מענעדזשמענט אָפֿיס צו בעטן אַ פּאַפּירענע פֿאָרעם.

מיר נעמען די וויכטיגע שריט כדי צו האלטן אונזערע קאָמיוניטיס פארזיכערט. מיר וועלן פֿאָרזעצן אייך צו געבן אַפּדעיטס איבער COVID-19 בשעת עס וויקלט זיך אויף.  אויב איר האָט פֿראַגעס אָדער זאָרגן, ביטע רופֿט דעם CCC אויף 718-707-7771. פֿאַר מער אינפֿאָרמאַציע באַזוכט דעם NYCHA וועבזייטל.

אַ דאַנק פֿאַר אייער קאָאָפּעראַציע.

Greg Russ

פֿאָרזיצער און הויפט עקזעקיוטיוו אָפֿיסער

Vito Mustaciuolo

אלגעמיינער פארוואלטער